
שיחת חולין
משה בראדערזאן-
אליעזר ליסיצקי.


שיחת חולין
(איינע פון די געשיכטע!)
געצייכענט: אלי עזר ליסיצקי
דערצעהלט: משה בראדערזאן:



דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן
געוואָרן אין תל־אביב (יש־
ראל) צום ערשטן יאָר־טאָג
נאָכן טויט פון
**משה בראָדערזאָן**
(י׳ אלול תשי״ז — 6.9.57)
דורך אַ גרופּע פריינט און
פאַרערער פון דיכטער.

גערדוקט אין פאָטאָ־קאָפּיעס פון אַ איינציק געפינענעם אויף דער וועלט עקזעמפּלאַר פון דעם
בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1917 אין מאָסקווע.
די ערשטע הונדערט עקזעמפּלאַרן פון בוך זענען אָפּגעדרוקט אויף אַ ספּעציעלן לוקסוס־פּאַפּיר
און פאַרזען מיט דער אונטערשריפט פון שיינע־מרים בראָדערזאָן.

יהר קאנט דאך ניכהניא די פראגער קהלה
די קהלה הקדושה פון הייליגע, פרומע
פון לייטער רבנים, דיינים, בטלנים,
און פשוטע יודען מיט רוקענס מיט קרומע
פאר שטענדיגען שוויצען אין בתי מדרשים,
פאר שטענדיגען שוועבען אין זעלטענע וועלטן,
פאר שטענדיגען טרוימען און קלייזען ביים לערנען
פון כשוף: מלוכות און ניסים: געצעלטן,
איהר קאנט דאך מסתמא פארחלומטע קרעמער.
וואס האלטען דעם מסחר ניט שטארק אינם זינען
וואס האבען עס העלטער ווי טאבאק אין אויגען?
ניט לאנג דארפט איהר זוכען: איהר וועט זיי געפינען
פארהאן, אהן עין הרע, אזעלכע ביי יודען
צו בין איך צופרידען? פאר גיט איהר א שאלה.
אזא בין איך אויך עט. דער יודישער דיכטער
ניט איילט מיין משפט און הארכט מיך א ווייל.
זייט מוחל פארערדט זיך פון זייטיגע זאכען
פון גלאט שיחת חולין... דערלאנגט מיר א שטענדיר
וועל איך אייך, רבותי, דערצעהלען חידושים
פון מאדנע פארצויבערטע זעלטענע לענדער.





איז פראג אפשר טאקי א שטאדט ווער מיר ווייס גילט מיט ווארימע שיהלען מיט קלויזען, פאלאצן נאר זיין איז א סברא פיל קאנטען נאך דאדערט. וואס שווער איז דאס רייכטום פון זיי אפצושאצען למשל, מען דארף נאר דעם ים איבערשווימען מען דארף נאר א ביסעלע העזה צו דהאבען ליעגט דארטען, אין ווייטקייט, א לאנד אין מרחקים וואו סזיינען מיליאסען פיל אוצרות באגראבען עס וואקסען דארט לייטער קאשטאנען געפרעגלט געבראטענע בארען, געבאקענע עפעל. און פלוימען געזייערט, און פייגען געטריקענט און קארשען — די גרייס פון א קינדערשעס קעפעל. נאר דאס איז נאך גאר נישט, נאך האלבע חידושים געפלאסטערטע זיינען די דארטיגע גאסען מיט גאלד און מיט זילבער. עס קעלבט זיך דארט פערל און דימענטען — שטיינער מיליאנען מיליאסען און מאסען בריליאנטען שמאראגדען רובינען דארט פוילען פארוואלגערט אין בערגלאך אין קופעס. שוין אוינמאהל א געגענד אלאנד נאר פון ציהרונג חאטש פראווע אהן אופהער גבירישע חופות

אר וואס ווערט איהר פרעגען איז שוים זשע באמת נישטא אינם לאנד קיין איין איינציג חסרון און ס'זיינען די דארטיגע מענשען אהן הילוך אין זיידענע העמדעלאך אלע געבארען געטרעכט אין די טענה. די פראגע איז רייכשיג נאר הערט זשע דעם תירוץ. עס איז ניט די ענדע דער תירוץ איז פשוט: די גאנצע קולטור איז פאר דארטיגע תושבים א מאדנע לעגענדע צום ביישפיל — א טשוועקעל איז דארט לא בנמצא א ביינענער קגעפעל. א טעפעל פון אייזען פאר קופערנע אאצקעס. פאר בלעכענע מענטשלאך ט'מען דאהטען אייך ווערדער פון פייגען באווייזען און הרים וגבעות פון גאלד און פון זילבער און מלא ברילאנטען געשאטענע גריבער וואס פראלען ארויס'עט פון שפאלטען און לעכר און שפילען אין שטערען און נעמען זיך איבער פאר טראפענס קולטור ווערט מען דארטין באטייטען מיט אוצרות דעם פרעמדען פארוואגעלטען יידען אזוי אז דאס דארטיגע לאנד ווערט געניסלען און ס'יודעל פון פראג ווערט שוין בלייבען צו פרידען



אין דא הויבט זיך אן ערשט דער סיפור המעשה:
אין פראג האט געלעבט זיך א יודעל רב יונה.
א יוד א בן שלשים מיט פעדימלאך ווייסע
אין באַרד און אין פאות פאר צרות פאר אייגע,
א יוד א פארזארגטער אין ענין חיונה.
א יוד מיט א פלונית א פיינע א שעגע,
מיט קליינע צוויי יורשימלאך בנים לאך קליינע,
מיט אויגעלאך יודישע שרפימלאך ריינע
מיט חשק צום לערנען, מיט חשק צום עסען
ניט קלענער א האהר ניט, און הונגעריג אפטער
און ס'טענה'ט די פלונית: מורני ר' יונה
וואס זיין וועט דער תכלית: פרנסה פאר ש'לאפט ער
מיט שטענדיגען זוכען גיקעכטס אין די ספרים,
מיט שטענדיגען שמעקען אין פארמעט און בגעטער
ער שטעלט מיך בדלות, דער גזלן. דער מערדער
וואס קוקט ער דער איבערשטער אונטען: וואס זעהט ער
וואס טרייבט ער ניט אפ איהם פון גראבען משגיות
און שטעלט דיך ניט איין פאר די עופהלאך קליינע
א תכלית דערלעבט זיך: מען הונגערט מעת לעתן
מען זעהט ניט א ביסען: א פעולה א שעגע.

און קליינע פיסקליאנטקעלאך העלפען דער מאמען
שכר לימוד ט'דער רבי דערמאהנען געבעטען
און ס'הערט ניט ר' יונה און שאקעלט זיך פרומער,
און האלט זיך דאס ציגענע בערדעל אין גלעטען
און קעמט זי מיט פינגער · און בייסט זי מיט ציינער
און צופט זי און שמאטשקעט: אי גאטעניו טאטע
און ס' יענטשעט דאס וייבעל: עס וועלען די קינדער
פון קיין דאס בערדעל ניט ווערען קיין זאטע
וואלסט זוכען האטש עפיס א שטיקעל מלאכה
צו פאהרען אויף מילך פאר די קינדער פארדעען
און ס'קאפען איהר טרעהרען: ער איז ניט ביים זינען
און שמייעט ביי קינדער פון מיילעכלאך ריינען
אהן זינען: אהן זינען: וואו וועט ער אויף אלץ דרעען
א קלאהרע א דייטליכע דתשובה געפינען
און ס'האט זיך געטראפען, איר ווייסט דען די סיבה,
דער יוד האט באמת גריהרט זיך פון דיזען
פארפאקט זיך אין קלומעק דריי קעפעלאך קנאבעל
א פעניצל ברויט און זיין טליתל ותפילין
און היידא אין וועג אויף א שיפעל געזעצט זיך
והלך ר' יונה מיט לעבען זיך שפילען





ס'האט זיך דער ים זיינע שוימענד געפיהלען
זיין ווילען און תאוה · דער נס האט געטראפען
מיט יונה'ן דערפאר, וואס פון זוהר א רויקען
געוויען איז פון פעל פון ניט כשר'ע שאפען
און ס'פילט זיך ר' יונה אין שיף ווי דער נביא
אין זאל פון דעם גרויסען געבענשטען לויתן
עס שווימט שוין דער שיף באלד א חודש און יאגט זיך
מיט שטראהלען פון זונן און לבנה באגאסען
און אמת געגאסען, ווי ביי דעם שלים מזל
וואס האט עולם הבא אויף דער וועלט פארשלאפען
אזוי האט רבותי, דעם שיף מיט מאטראסען
מיט וואסער פארגאסען, דאס אומגליק ט'געטראפען
ניט ווייט פון די הערליכע מארמארנע ברעגען
ניט ווייט פון די גילדערנע גלאנציגע זאמדען
ניט ווייט פון די תכלת'דיג בערג פון די בלויע
געכאפט האט א פאליע דעם וואנדערער למדן
געכאפט אויפ'ן רוקען, געוואלט איהם דערשלינגען
אזוי ווי א מאכל געפיהלט און געפעפערט
און ער ט'שוין פארשלאסען מיט שטילער כונה
די אויגען פון פחד · אזוי ווי פארשלעפערט.

האט ווייטער א וואונדער מיט יונה'ן געטראפען
א פויגעל א וואלקען איז טויט-אנגעשלאפען
געכאפט פאר'ן גארגעל - שוין איינמאהל א גארגעל
דאס הילכיגע זינגענדע יודישע וואפען
וואס ברומט ווי א טויב און וואס זיפצט מיט אנאימפעט
וואס בענשט און וואס שילט, און וואס דאוונט און לערנט
געכאפט האט דער פויגעל ר' יונה'ן פון וואסער
און ס'האט זיך ר' יונה'ן אין אויגען געשטערנט
אזוי האט איהם האסטיג דער פויגעל געטראגען
אריבער די וואלקענס דעם למדן דעם מיעדען.
עס איז דאך קיין נס ניט - א זאך ווי געוועהנליך
וואס טרעפט און פאסירט דאך מיט יעדער'ן יודען
מיר פליהען אין לופטען · מיר לעבען אין לופטען
צווישען דער ערד און די הימלען · איינמישען
האט אויכעט אצינדער דער פליהענדער יונה
געהאט דעם בטחון אז גאט וועט איהם היטען
אזוי ווי די שטערען פון אויגען דיך שיטען
אזוי ווי ער מורמעלט א תפלה מיט ציטער
דערזעהט ער זיך ליגען אויף סאמעט פון טרעפען
בהרחבות אין לענג אין דער בפייט א צוציהטער



און ס'זייגען די טרעפּען אליין פון א פּאלאץ
געבויט פון די דימענטען קלעצער אינגאנצען
און טורעמלאך זייגען גינגאל'זיגע = ר־־ייגע
וואס קוואפּען די זונן זיך אריבער צוגלאנצען
זיי זייגען פון לארענץ־בארג העכער און שארפער
די שפּיצען די צייגער פון העלעפאנט = ביינער
דער דאך איז פון מארמאר ־ פון נאכט שווארצען מארמאר
געדייהט פון רובינען פון פלעמעלאך שטיינער
די טוירען זייגען פון בליצען = שמאראגדען
מיט טעפּיכען = פּורפּור בעציערט און בעהאנגען

מיט פּאוועשע פעדער־געמעלדען באשטאכען
און דארף איך דען לאנג אייך דערצעהלען און ברייטען
ווער ס'איז אינם פּאלאץ בכבוד־־ געזעסען
פארשטעהט זיך ניט אנדערש א ציער א בת מלכה
א שענע געקרוינטע ־ א וואונדער פּרינצעסין
די האהר האבען גילדערנע לאקען געפאלייט
די אויגען צווי זעלטענע שטראהלען אנטיקען
וואס קוויקען די זעעל און פאר גרויסער התפעלות
און קענען דעם אטהעם א לעמפּערט פארשטיקען
און סתם א בן אדם ביז וואהנזין באגליקען



דאס פּנים'ל בלייך ־ ווי'א יונגע ל־לבנה
און צארט ווי די ערשטע גיפאלענע שנייען
די ליפּעלאך רויט ווי אן אווענד ־ רויט שמייכעל
ווען לעצטע פארשפּעטיגטע שטראהלען פארגעהען
און ברעמען פון גאלד ווי צוויי האלבע לבנה'ס
פרוכת'לאך צוויי פון נשמה'גען אר־־ון
ס'איז דאנקען דעם אויבערשטען ־ בענטשען און לויבען
וואס יונה ט'זיין לומד'ישע קאפּ ניט פארלארען
ווען ער האט די אויגען מיט מורא געעפענט
מיט קריאת שמע אויף בלייכע און ציטריגע ליפּען
רבונו של עולם ־ דו'סט חוד־־ה'ן באשאפען
פון איינע פון אדם'ס ווייס ערדישע ריפּען
און דאך ווי פארפילקומט ־ ווי שען איז דיין שאפונג
געוואלט האט ער זאגען ־ נאר ס'פריהרט צו דעם גומען
דער צונג ־ און ער שטאמעלט פון וועג א פארווירטער
דאס לשון ט'אינגאנצען זיך איהם אפגעשוואכען
א שענער פארגלייך איז זיין פלונית ־ זיין באבע
א שענער פארגלייך מיט זיין מאמען אפילו
א'ס'קארשענע מיילכעל ־ די האהר ווי פון ליכצען
דאס פּנים'ל בלאס ווי א ליליע א שטילע



ון פלוצים דערהערט ער א זילבערנעם פליסטער.
דאס פרעגט די בת מלכה, דאס איז עס איהר ר—יידען
ווער ביזטו, דו פרעמדער, דו העזה'ניק איינער
ווער ביזטו, שלים מזל, אזוי ניט באשיידען
נישט קשה! ווי זאגט איהר — א שען ברוך הבא:
א לשון אפיינער ווי ס'פאסט א פר—ינצעסין.
ווי קומסטו, דו שטערבליכער מענש אין מיין היכל?
ניט שוים זשע בן־אדם ט'דיר ס'לעבען דערעסען?
צו ווייסטו וואו ביזטו אצינדער, דעם מקום,
צו ווייסטו, אז דו ביזט אין לאנד פון ניט גוטע,
מיין פאטער דער מלך פון זיי וועט דיך שלינגען
ניט ווערט איז דיין לעבען אפילו א פרוטה.
ווער ביזטו, דו פרעמדער, און זאג וועלכער רוח
געבראכט האט דיך איצטער אהערצו צוטראגען.
ווער נעלם פארשווינד גלייך, ווען ס'פעהלט דיר דער חשק
א מאכל צו ווערען פאר אשמדאי'ס מאגען.
וואס זאגען, וואס ענטפערען קאן נעביך יונה?
ס'קבלת הפנים איז ניט פון די בעסטע,
דאס זעהט ער בעשיימפערלאך, ציטערט און פלאטערט,
און עפענט די בלייכע די ליפען געפרעסטע

בעסטע בת מלכה, א שענסטע פרינצעסין
מה נאמר ונדבר, וואס זאל איך דען זאגען
הויבט אן נעביך יונה: וואס זאל איך דען זאגען,
עס בלייבט מיר ניט מעהר. מיין נשמה באקלאגען
נאר רחמים פרינצעסין! איך האב דאך א ווייבעל
קדשים'לאך צוויי: א רחמנות די קינדערל,
מאך ווייכער דעם צארן דיין פאטער'ס, בת מלכה
פארטייטש איהם דעם יושר, ס'געמיטה מאך איהם לינדער
איז טאקי א שכל, א גבורה א גר—ויסע
א לייב זאל א קליינינקע מייזעל דערשטיקען,
און פאר א לויתן א הערינג דערשלינגען,
איז ניט פון די קונצען פון גרויסע אנטיקען
דיין פאטער וועט אויך ניט קיין בריה'שקייט ווייזען
עס פאסט ניט: זיין גראד איז א קעניגליך הויכער,
עס וועט ניט צום כבוד און רומעל איהם דינען
ווען אומברייגען וועט ער א קליינטשיקען סוחר.
ער וואלט נאך גערעדט און געפלפולט זיך ווייטער
זיין מויל האט מיט פעך און מיט שוועבעל געשאסען,
נאר ס'ווינקט די פרינצעסין און מאכט א הפסקה,
און האט זיך אליין מיט א דרשה צו גאסען.



אין זיין מאסען רייד האט דאך יעדער בת מלכה.
עס איז, כידוע, א ווייבליכער פעהלער.
זי רעדט מיט מתיקות, מיט גרויס פארגעניגען
און יונה בעט גאט די זאל ענדיגען שנעלער.
הקיצור - דערצעהלט זי - אז'אלט מכשפה־
א מהאל האט איר מאמען געגנב'ט אין הארעם.
פאר אשמדאי'ס וועגען, א ווייב זאל זי ווערען
די אייפערדערוועהלטע א קעניגין פאר איהם.
און זי איז געוועזען די שענסטע פון פרויען
אין ערך אזוי ווי שולמית א שיינע.
עס האבען זיך שטראהלען גאר אפטערס געאמפערט
פאר קושען די טרישעלאך איהרע די קליינע.
און ביני לביני געזידעלט זיך האבען
די ווינטען אין ברומען, און לוסטיג געפיהלען
פאר האבען דעם כבוד, די זכיה צו האבען
מיט האהר איהרע וואונדערבאר העלע צו שפילען
און פיהלען די ערד פלעגט די טריט איהרע פיהלען
און וואו ס'איז איהר פיסעל אין טאנצען געטראטען
דארט האבען מניגים פיל בלימעלאך־קנאספען
פון אונטער דער ערד מיט א בליהענץ געשאטען

נאר ס'האט זיך דער שטן מתקנא געווען
און האט זי דערוועהלט פאר א קרבן צו ווערען
און זי איז געשטארבען, און מיך אלס ירושה
געלאזט פאר דעם הימעל די זונן און די שטערען

און ס'האט זיך מיין פאטער אין גרימצארן שווערן
פארטיפט, און עס האט איהם א ווילדער שגעון
באצוואונגען, און ער האט געהופט אלע שקלאפען
מיט אש זיך באשאטען זיין קערפער דעם גרויען
צו מיר האט אין איהם זיך צופלאקערט א שנאה
זיין רוגז ט'איינגאנצען אויף מיר זיך צוגאסען;
און ער האט מיך דא אין דעם איינזאמען פאלאץ
אויף איביגע יאהרען, אויף איביג פארשלאסען
און באשר עס האט מיר דערעסען דער אומעט
התבודדות שטענדיג: מיין שעהנקייט וויל לעבען
און זיין בין איך איינזאם אהן שיער און אהן ערך
און מעגליכקייט איצט האט א נס מיר געגעבען
האב איך זיך בארעכענט; א סוף זאל עס נעהמען
א מאן וויל איך האבען, כ'האב פעסט עס באשלאסען
און זיין וועסט עס דו זיין מיין וואנדערער־סוחר
מיין קלוגער מיין חכם מיין הארציגער חתן
און טאמער דו שרעקסט זיך דיין פלוגית
די קינדער, דאז האסטו א פחד — אומזיסטען
אויף דעם וועלען טראכטען די שדים בעלי מוחות
די דינער מיין פאטערס די פלינקע יוריסטען.





ווען ס'קומט איצט משיח בן דוד צו ריטען,
דערזעהן וואלט ער איצטער דעם אייזעל דעם ווייסען
און ווען ער דערהערט איצט דעם קול פונ'ם שופר
וואלט יונה אזוי מיט די אויגען ניט גכלייסען.
ווען ס'טרעפט איהם א דונער פון הימעל א שטארקער,
וואלט קלענער פאר יונה'ן דער רושם געוועזען
ער דארף בענשען גומל. דאס פיהלט ער און זעהט ער
אז ס'מזל'ע שפיעלט איהם. און ער איז געוועזען
א שענע בת מלכה! א לאנג זאלט איר לעבען
ניט נאר אייער מאן. נאר א קנעכט וואלט איך וועלען
צוזיין פאר דאס גוטסקייט ביי אייך אינם פאלאץ.
און אגב איר זייט מיר באמת געפעלען.
וואס שייך דעם גט מיט מיין כשרער ווייבעל
מסופק בין איך אין דעם ענין א ביסעל:
נאר שדים־זיריסטען די פלינקע קאמפאניע
זיי ווילען צובייטען דעם אייזערנעם ניסעל
אז חזיר איז כשר ווייל ט'פיסעל איז כשר
דאס קאן די חבריא שוין איינמאהל דערווייזען
ווער שמועסט פון גיהנם די דינער די טרייע
וואס טרפה פאר זיי איז פון פויגעל־מילך־שפייזען.





קיצור, געבראכט א טעלער מיט מזל,
א מאהל'צייט געמאכט אז א וועלט האט [illegible]
מהדו ועד כוש פונ'ם צפון ביז ד—רום
עס האט זיך אין פאלאץ געשפילט און געזונגען
געשפרונגען, געטאנצט האבען שדים מאגנאטען
און שררות מיט פליכען אין זייד. און אין אטלעס
געפיהרט האבען שמועס'ן וועלטליך געלאכען
און שפאסען געשפאסט פון די ווייבערשע פאטלעס
פון קאק'ען, פון צעפ, פון די נאקעטקייט קליידער
צוזאמעגעטאנצט אין די רעדלאך געמישטע.
שוין איינמאהל געוועזען א שמחה מיט כלי-זמר
שוין איינמאהל געוועזען א חגא. א משתה
דערהתן פון משקה באגלעזעלט צופרידען
מיט אויגען פון בראנפען און וויין איבערואשטע
געהאט האט דעם חן, ווי א מאהל אחשורוש
געזאגט האט די כלה אנ'אויסזעהן ווי ושת—י:
א וואך האט געדויערט די חתונה מאהלצייט.
א וואך האט געטאנצט דער גן עדן התחתון
און יונד—ה: ט'זיך אל'ץ משמח געוועזען
און צייט ניט געדאט דאן אפילו צו טראכטען

און וואכען נאך דריי האט געדויערט די ליעבע
די פלאקערדיג. אימה׳דיג פרעכטיגע ליעבע
דאס יונגע פאר פאלג האט און דאגות פארגעסען
ביז וואנען געקומען די טעג זיינען טריבע
די סיבה געווען איז א פשוט׳ע סיבה:
עס האט זיי דער אומעט מיט אימפעט באצוואונגען
צופיעל בוארצעפאנעס דער עסט דאך צו עסען
דער אומעט האט נודנע זיך הילכיג צוזונגען
די שיינע בת מלכה האט בענקען געוואונען
נאך פשוט׳ע שדים דעם מלך איהר פאטער

אין יונה פון זיין זייט נאך הייםמיש׳ע גאסען
די געטטא פון פראג דאך פארגעסען ניט האט ער
דאס ווייב און די קינדער די ווארעמע קלויזען
דערעסען ביז טויט האט די חברה מיט הערנער
עס האט זיך פארבענקט זיין פאר הלומ׳ט נשמה,
נאך זעגער בעל תפלות מגידים און לערנער
א מאהל אין דעם מדבר נאך פיש פון מצרים
געבענקט האבען שרעקליך די וואנדערער יודען
ס׳איז שווער ליעבע יודען אט האט איהר א ביישפיעל
א יודען אפראסטען צו שטעלען צופרידען



אזוי ווי עס חלומ׳ט זיך איינמאהל ר׳ יונה׳ן
אז ער איז אין פראג ווי אן אורח געקומען
און איז אין א שוהל און איז חוזר בתשובה
און גרויסע התלהבות האט איהם אומגענומען
און ס׳דאווענט דער חזן און ציקעלט זיך פרעהליך
מיט שטייגער און דריידלאך און זינגט לכה דודי
און ס׳העלפען איהם אונטער די בחורים באסען
און קוויטשערלאך צוויי זייגע יונגעלאך ביידע
און ס׳ווייגט זיך איהם זיס פאר א גרויס פארגעניגען
ער זעהט זיך אין שטוב און עס גלאנצען די לייכטער
מיט בענש ליכט ביים טיש מיט די פיש און די חלות
אזוי ווי אין שטוב מיט הנאה איצט שלייכט ער
און ברומט אויפ׳ן קול איצט דעם שלום עליכם
און רייבט זיך די הענד און ער ווינקט צו דעם שייגעל
וואס ס׳ליגט איצט פארגליווערט א מאכל גן עדן,
א ציטערדיג דורכזיכטיג קעלבערשע פיסעל
און אזוי ווי ער טרוימט און ער שמועסט אין חלום
א טעם פון׳ם צימעס דערשפירט ער א שמעקען
הייבט אן די פריגצעסין פאמעליך פאמעליך
פון חיות׳דיג חלום ר׳ יונה׳ן צו וועקען



דיך זעה זאגט זי יונה דו בענקסט אויף אנ׳ אמת
און פראג זעהסטו תמיד אין וואכען און חלום
צ׳מילא, איך לאז דיך א היים אויף א יאהר נאר
צוריק זאלסטו קומען און פאר מיר בשלום.---
און ס׳רייט אויף א שד אין די וואלקענפר׳ יונה
אהן רוה און אהן אפשטעל. פיעל לענדער אריבער
אריבער פיעל דערפער און בערגער. און טהאלען
און וועלדער און פעלדער און אפגרונדען גריבער
נישטא אין די וואלקענס קיין שטילע אכסניות
נישטא אין די וואלקענס קיין קראמען, קיין שיינקען
און ס׳ שטעלט זיך נ׳ט אפ אויף א ווייליע דער מייוועל
זיין האלז מיט א קילישעק משקה צו שווענקען
ער בלאזט נאר זעהן אויפהער אין שדישען שופר
און ס׳לויפען די וואלקענס די הימלען די שטערען
א פלא די זונן איז מיט פחד אנטלאפען
עס איז נאר דאס רוישען פון פליגלען צו הערען
און אט ווערען בולט די טורעמס באקאנטע
פון פראג און דאס געטא ער פליהט א סכנה
די נאכט איז א בלויע, עס זיינען מקדש
די יודען אין גאסען די יונגע לבנה:

פּאס האט די נסיעה אין גאנצען געדויערט
א האלבען מעת לעת אין די הימעלשע רוימען
געקומען איז יונה א היים מיט א ליאריעם
צופליהען פון איבען אין שטוב דורך׳ן קוימען
פארשטעהט זיך מען האלזט זיך מען וויינט פאר׳לי שמחה
מען קושט זיך מען לאכט און מען שמאטשקעט מיט ליפען
מען טאפּט איהם ר׳ יונה׳ן מען זוכט זיינע בילען
מען צעהלט איהם ר׳ יונה׳ן די ביינער די ריפען
און יונה דערצעהלט זיך בנעימות און, זיכער
פון זייע חידושים, ווי ער איז געפלויגען
אין מעשה׳לאך לענדער. און קאנטען געבענשטע
וואס ער האט געזעהן מיט די אייגענע אויגען
פון זיין נע ונד זיין ווי ער איז א רבי
געווען ביי א מלך געקנעלט מיט די קינדער
די פרינצען די יונגע געלערנט זיי תורה
נתעשר געווארען געקומען אצינדער
פארדינט פאר דער צייט אנ׳אפּתיקא רעגנלך
גענוג אויף צו לעבען גענוג, די׳ ודהותר
געבראכט האט ער מיט זיך א גאלדשטיק א פינעף
די גרויס ווי א ציגעל א קירבעס א גרויסער





שפּעלט אייך ר׳ יונה: ער לעבט ווי א דיוכס
וואס זאג איך א דוכס! ער לעבט ווי א מלך
זיין היכל איז ווערט אז מען זאל עס בּעטראַכטן
דאס פּנים׳ל קיילעכדיג לאכעדיג פריהכליך
דריי סורדוטען האט ער א טלית פון זיידענס
א שמעק טאבאק פּושקע פון זילבער פון ריינס
דאס ציצענע בערדעל ס׳אשפּעלטעל באקומען
אין מיטען א הויך בעל הבית׳ישען שענעם
א סאמעט האלאטעל פריה מארגענס צו לערנען
און קעלנערלאך ווייסע א האלבע טוץ פרישע
און ער איז א יא טעביע דאס אין דער געטא
א גבאי אין שוהל און אין חברה קדישא
א שפּילכעל עפּיס מורנו ר׳ יוזי:
ער איז אלץ וואס ווייטער מעהר עולה לגדולה
ס׳ איז ניט קיין קאטאוועס דאס מיצן אז מען האט עס
געשטאפּט אינ׳ם בוזעם. אין קעשענעס פולע
פון ארץ ישראל פארטראכט ער זיך אפּטער
ווען ס׳ טרוימען מחשבות רעיונות פּיעל קלאהרע
בין מנחה ומעריב ביי אפענע בכלעטער
ביי ליכטיגע בלעטער פון סתם א גמרא

און ס׳ ווארט ניט דער לוח עס פליהען חדשים
און טעג און די וואכען אריבער א זומער
א ווינטער מיט שטילע מיט רוהיגע שפּייזן
מיט ווייסען פארגליווערטען הארציגן קומער
און יונה ווערט פרומער און שוועבט אין עליונות
און שיט מיט צדקה און טיילט זיך מיט לייטען
פארברענגט אין בית מדרש פיעל טעג און מעת לעתן
פארגעסען אין גאנצען די וואונדערבאר צייטען
דעם שלאס און די ניסים אין גאנצען פארגעסען
נאר אט איז דער פריהלינג מיט זייער ערוואַרטונג
געקומען מיט גראזען מיט פויגלען און בלומען
און דארטען אריבער דעם ים האט די שענע
בת מלכה צו בענקען און ווארטען געצוגען
אויב ער האט פארגעסען האט זי ניט פארגעסען
דאס יודעל פון פראג איהרען ריטער דעם שווארצן
און ווען זי דערזעהט איהם אין בענקענדען רעיון
הויבט אן ניט אנ׳אימפּעט צו קלאפּען אין הארצען
מיט אונגעדולד קוקט זי פון פענסטער אין דרויסען
און רייסט מיט א כעס די בלעטלאך פון כּ׳ לוח
א יאהר איז אריבער די צייט איז געקומען


דאן שיקט זי נאך יונה'ן דעם זעלביגען רוח
אר יונה ט'פארגעסען די שענע פרינצעסען
און הערט ניט דעם רוח די שדים שטאפעטען
ער ווילניט צוריק איצט אין פראג איז ניט ערגער
עס וועט איהר ניט העלפען קיין רופען קיין בעטען
געגנג שוין געוואנדעלט ער האט ניט קיין כח
צו זיין נע ונד אין די הפקר— זאוויי'עס
ס'איז גלאט מעשה יונגעל פאר איהם, פאר ר' יונה'ן
א יוד מיט א באָרד מיט געגרייזעלטע פאות
בת מלכה'ס פרינצעסינס און שלעסער אין לופטען
ס'איז הבל הבלים ניט מעהר— שטות'עריי'ען
ווער שמועסט אין פראג איז ער עולה לגדולה
ער האלט שוין ביי ווערען א קהל'שער— דיין
מיט גאר נישט פאר'דאגה'ט קעהרט אום זיך דער רוח
א שד אין די יאהרען א שעלמי'שער— זקן
דערצעהלט עס די ווערטער זיין הארינטע איבער
און קוקט, מיט די אויגען די חיטרע דערשראקען
ס'איז בלאס די פרינצעסין פון בענקשאפט געעלטערט
זי זעהט עס איז שווער איהם צו ברייגען דעם אדון
דאן נעהמט זי די פליגלען אליין אויף די אקסלען
און פליהט אהין מיט יונה'ן ביים רב זיך צו לאדען

ביים רב זיינען ביידע אין בית־דין אין קליינעם
ער הערט מיט אַנ'ערנסט די טענות פון ביידען
פאַרשעמט איז א ביסעל ר' יונה און שטאַמעלט
פון גיהנם פון נסים פון שיינעם גן עדן
דער רב לאָזט זיי ריידען און טענה'ן בשתיקא
ער הערט מיט התמדה: א וואָרט צו פאַרלירען
געלוסט זיך ניט איצטער. ס'געפעלט איהם דער ענין
רבונו דעלמא וואָס אַלץ קאָן פּאַסירען
האָווירען איז שווער זיי די צדדים די ביידע
ס'איז יונה גערעכט, און גערעכט די פּרינצעסין
די מעשה איז שען מיט די פּישטשעווקעס אַליע
עס קאָן ניט צו הערען זי אייביג דערעסען
נאָר אַלץ האָט אַנ'ענדע חוץ גאָט און דער תורה.
זיי האָבען געענדיגט דערצעהלען די מעשה.
דער רב האָט זיך טיעפער פאַרטראַכט און געפּסקנט
געגלעט זיך בעת מעשה די זקנה די ווייסע
היות זאָגט ער קיינער דערביי איז געוועזען
ביי חופּה וקדושין קיין עדות קיין יודען
פון דעם איז געדרונגען: ס'איז פּסול דער שידוך
ס'איז שווער זאָגט ער אַלעמען שטעלען צופריד'ן

עס טרויערט די שיינע פּרינצעסין א בלאַסע
עס ווייצט די נשמה פון סוף פון דער ליעבע
מיט טרעהרען אין הארצען פאַר'חלשט פאַרטראַגט
בעטראַכט זי איהר יונה'ן מיט אויגען מיט טריבע
מיט בליקען מיט פייכטע געזעגענונגס בליקען
דערזעהט זי אין נעפעל געוועבטען זכרונ'ן
די גליקלעכע רגע'ס אין דימענטען פּאַלאַץ
וואָס זיינען אויף אייביג פון לאַנג שוין פאַרלאָרען
אַזוי ווי דורך וואָלקענס דורך טעפּיכער וואָלקענס
דערפיהלען דערפיהלט זי דעם אייביגען טרויער
וואָס ווערט אָהן רחמנות פאַרשקלאַפּען איהר יוגענד
אין וואָלקענס פון אומעט אַלץ גרויער און גרויער
עס'אַמוערט אין הארצען א האַרבסט אָהן אַנענדע
און טרעהרען ווי רעגענס פאַר אומערטע גיסען
זי הערט נאָר פאַרביסען דעם פּסק דין פאַר חלשט
דאָס האַרץ אויף פּיץ פּיצלאַך ווער שיער ניט צוריסען
זייט וויסען נאָר די בעוויזט זי צו זאָגען
אַז ליעבע מיט דינים איז שווער צו באַלוינען
אַז ליעבע איז שטאַרקער פון דינים פון אַלע
און ליעב האָבען האָב איך פאַרדעסטוועגען יונה'ן





זי יונה'ן נאר האט זי א קליינע בקשה
הגם ס'איז אהן תנאים אהן חופה קידושין
פונדעסטוועגען בעט זי ער זאל זיך דערלויבען
פון איהר זיך נאר איינמאהל נאר איין מאהל צו קושען
נאר איין מאהל צו קושען : נו מילא פארפאלען
דער שטן דערמאהנט איהם די ליפען די הייסע
נאר איינמאהל א קוש טאן דער חטא איז ניט שרעקליך
ס'איז מסכים ר' יונה נו=כוע=מהיכא תיתי
און דא קומט דער סוף פונם סיפור המעשה
און דאס איז דער סוף פון דער פראגער געשיכטע
עס ליגען איצט שטייען פארחלשטע ווייסע
איהר זעהט ווי עס שיטען איצט שטייען געדיכטע
די שיטען אהן אויפהער אויף הייזער אויף קברים
אויף אלטע מצבות אויף נייאינקע שיהלכלען
יא יא די בת מלכה ר' יונה די מעשה
ס'איז הבל הבלים ס'איז אלץ שיחת חולין
זי האט איהם א קוש נאר געגעבען נאר איינעם
ער פריחת נשמתו און ער איז געשטארבען
ווי אונטער א חלף אהן וידוי אנטרונען
ר' יונה פון שד'ישער ליעבע א קרבן

דפוס א. מרוס, ת"א.